מענטשן, וואָס זענען ייִדן, שטערן די רו פֿון אונזער
21 שטאָט, און לערנען מנהגים, וועלכע מיר טאָרן נישט
אָננעמען, אויך נישט האַלטן, ווייל מיר זענען
22 רוימער. און דער המון איז אויפֿגעשטאַנען קעגן
זיי, און די פּרעטאָרן האָבן פֿון זיי אַראָפּגעריסן די
מלבושים, און באַפֿוילן מען זאָל זיי שמייסן מיט
23 ריטער. און באַלייגנדיק זיי מיט אַ סך שלעק,
האָט מען זיי אַרייַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה, באַפֿעלנ־
24 דיק דעם שומר זיי גוט צו היטן; וועלכער, באַקו־
מענדיק אַזאַ באַפֿעל, האָט זיי אַרייַנגעוואָרפֿן אין דעם
אינערן געפֿענקעניש און פֿאַרפֿעסטיקט זייערע פֿיס
25 אין דעם שטאָק. אַרום האַלבער נאַכט אָבער בעת
פּוילוס און סילא האָבן תּפֿילה געטון און געזונגען
צו ג־ט, און די געפֿאַנגענע האָבן זיך צוגעהערט
26 צו זיי, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ גרויסע ערד ציי־
טערניש, אַזוי, אַז די פֿונדאַמענטן פֿון דער תּפֿיסה
זענען דערשיטערט געוואָרן, און אין אַן אויגנבליק
האָבן זיך אַלע טירן אויפֿגעעפֿנט, און אַלעמענס
27 קייטן זענען לויז געוואָרן. און ווי דער תּפֿיסה־שומר
האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און געזען די טירן
פֿון דער תּפֿיסה אָפֿן, האָט ער אַרויסגעצויגן
זיין שווערד און זיך געוואָלט דאָס לעבן נעמען,
מיינענדיק, אַז די געפֿאַנגענע זענען אַנטלאָפֿן.
28 פּוילוס אָבער האָט אויסגערופֿן מיט אַ הויך קול,
אַזוי צו זאָגן: טו דיר נישט קיין מעשה אָן,
29 וואָרום מיר זענען אַלע דאָ. און ער האָט פֿאַרלאַנגט
אַ ליכט, איז אַרייַנגעשפּרונגען, און ציטערנדיק
איז ער אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר פּוילוסן און סילאָן,
30 און האָט זיי אַרויסגעפֿירט אינדרויסן, און געזאָגט:
מיינע הערן, וואָס זאָל איך טון, כּדי גע־
31 ראַטעוועט צו ווערן? און זיי האָבן געזאָגט: גלויב